וועט איהם נישט איינפאלן אזא מחשבה, ער וועט נישט טראכטן, דער מגושמ'דיגער בריה וועלכער ליגט אין פרעסעריי, קען שוין נישט ווארטן ביזן סוף דאווענען נאר ער וועט גיין פריער קידוש מאכן, ער קען נישט אויסהאלטן.

שבועות קומען אראפ אזעלכע גרויסע אורות, איך האב שוין פארציילט כמה פעמים וואס ר' מרדכי הערש פלעגט דערציילן, שבועות פלעגט ער קומען צו אונז דאווענען, האט ער דערציילט כמ"פ די מעשה מיטן תלמיד פון חתם סופר, ער האט חתונה געהאט אויף ראפשיץ, אין א צייט שפעטער האט ער געדארפט דורכפאהרן פרעשבורג, האט ער זיך מיישב געווען ער זאל אריינגיין צו זיין רבין דער חתם סופר, עס איז געווען נאך שבועות, האט איהם דער חתם סופר געפרעגט ער זאל איהם זאגן א חידוש וואס ער האט מחדש געווען, האט ער איהם געזאגט, וואס זאל איך זאגן דעם רבין, שבועות ביי אהבה רבה האט מען זיך געדראפעט צוויי שעה אויף די גראדע ווענט ממש עד כלות הנפש, ער האט עס געזאגט מיט אזא התרגשות, אז דער חתם סופר האט געהאט התפעלות פון די ווערטער, עס האט א המשך די מעשה, אבער דאס איבעריגע איז יעצט נישט קיין נפקא מינא, עכ"פ אזוי פיהל איז, אז צוויי שעה האט מען זיך געדראפעט אויף די גראדע ווענט, אזוי איז געווען ביי די צדיקים הקודמים, מען האט געפיהלט אזעלכע אורות, אזא כלות הנפש, וואס היינט האט מען נישט אין דעם קיין שום מושג, קיין שום השגה נישט.

וואס איז די עצה צו די אלע זאכן, האב איך שוין געזאגט פריער, אז מיט אמונה קען מען אלעס דורכגיין, א קינד ביי א טאטן קען אלעס אויס'פועל'ן, מיט אמונה שלימה קען מען אלעס אויס'פועל'ן, בנים אתם לה' אלקיכם דער אייבערשטער רופט אונז אהן בנים, וואס עס פעהלט און וואס מען דארף לויפט מען צו

צום טאטן מיט בכיות טאטע העלף מיר, טאטע ראטעווע מיר, מיט א ערנסקייט ווערט מען געהאלפן, טאמער גייט מען צו מיט ספיקות דעמאלס איז מען ווייט פון צו געהאלפן ווערן, אזוי האב איך שוין כמ"פ נאכגעזאגט און געוויזן דעם "עבודת ישראל" אין פרקי אבות שטייט עשה לך רב והסתלק מן הספק, זאגט דער עבודת ישראל, עשה לך רב גייט ארויף אויפן אייבערשטן, והסתלק מן הספק זאלסט נישט האבן קיין ספיקות אפשר טהוט דער אייבערשטער אפשר נישט, נאר זאלסט גיין מיט א בחינת וודאות, דער אייבערשטער שטייט דא און דער אייבערשטער זעהט דיינע מחשבות, דער אייבערשטער הערט דיינע דיבורים, דער אייבערשטער זעהט דיינע מעשים, זאלסט גיין מיט א וודאי, אויב מען הייבט אהן צו טראכטן מיט א ספק דעמאלס איז דאס בבחינת היש ה' בקרבנו אם אין, שטייט נאכדעם ויבא עמלק, עמלק איז בגימ' ספק, מיט ספיקות פאלט מען אריין אין שאול תחתית, מען דארף גיין מיט א וודאי, בנים אתם לה' אלקיכם, אזוי ווי א קינד קען פועל'ן ביי א טאטן, אזוי קען מען אלעס פועל'ן ביים הייליגן באשעפער, א חוץ ווען דער אייבערשטער זעהט אז דאס איז זיין טובה אזוי, אבער אונז ווייסן דאך נישט אונז דארפן טהון דאס אונזעריגע.

איך האב עס געהערט נאכזאגן פאר אסאך יאהרן צוריק, ווען חנה איז געקומען אין בית המקדש און האט זיך אויסגעוויינט, האט עלי איהר אהן געשריגן למה תשתכרין, האט זי געזאגט איך שיכור נישט, נאר איך האב א צובראכן הארץ, נאכדעם וואס זי האט זיך אויסגעוויינט איז זי שוין געווען בארוהיגט, מיט וואס איז זי געווען בארוהיגט, זי האט דאך נישט געוואוסט צו זי וועט יא געהאלפן ווערן צו זי וועט נישט געהאלפן ווערן, נאר א מענטש דארף טאן דאס זייניגע, זי איז געקומען אין בית המקדש און זי האט זיך גוט אויסגעוויינט, האט זי געוואוסט איך האב מיינס

געטאן, אויב איך דארף געהאלפן ווערן וועל איך געהאלפן ווערן, טאמער חלילה נישט בין איך אין די הענט פון אייבערשטן, אזוי איז דעם אייבערשטנ׳ס רצון דאס וויל איך און עפעס אנדערש וויל איך נישט, עפעס אנדערש דארף איך נישט, דאס איז מיין רצון וואס דער אייבערשטער וויל, עכ״פ אונזער תפקיד איז ווי די גמרא זאגט (ברכות לב:) קוה אל ה׳ חזק ויאמץ לבך וקוה אל ה׳, נאכאמאל מתפלל זיין און נאכמאל מתפלל זיין, ווייל מיר ווייסן דאך נישט ווען זיך אפצושטעלן, ווייל די גמרא זאגט דאך נישט קיין גבול.

**אויב** מען וויל מתפלל זיין דארף מען מתפלל זיין מיט די ווערטער פון די תורה אליין, דער אייבערשטער רופט אונז אהן בנים, רבוש״ע איך בין א קינד פאר דיר מוזטו מיר העלפן, רבוש״ע דו האסט מבטיח געווען אין די תורה, לא מאסתים ולא געלתים לכלותם להפר בריתי אתם כי אני ה׳ אלקיהם, דו האסט מבטיח געווען, רבוש״ע, דו ביסט דאך אויך מקיים די תורה, בעט מען דיר, דו האסט אונז צוגעזאגט דארפסטו מקיים זיין, משה רבינו האט מתפלל געווען ולא תהיה עדת ה׳ כצאן אשר אין להם רועה, שטייט דאס אין די תורה מוז עס מקויים ווערן, דארף מען בעטן דעם אייבערשטן דער אייבערשטער זאל מקיים זיין די ווערטער פון די תורה הקדושה וואס משה רבינו האט מתפלל געווען מיט דעם וועג קען מען אסאך זאכן פועל׳ן ביים אייבערשטן.

די גמרא ברענגט ביי שלמה המלך (סנהדרין כא:), די תורה הקדושה זאגט ולא ירבה לו נשים, האט שלמה המלך געזאגט אני ארבה ולא אסור, אין מדרש (שמות רבה פרשה ו׳) שטייט אז די אותיות פון לא ירבה זענען געגאנגען מקטרג זיין, רבוש״ע שלמה המלך האט געמאכט פון אונז פלסתר, ער זאגט אני ארבה ולא אסור, האט דער אייבערשטער געזאגט שלמה ואלף כיוצא בו וועלן פארלוירן

ווערן און קיין אות פון די תורה וועט נישט פארלוירן ווערן, האט דעמאלס פאסירט וואס האט פאסירט ווי יעדער ווייסט.

די זעלבע ווערטער האבן אונז א תביעה צום אייבערשטן, דער אייבערשטער האט אונז צוגעזאגט לא מאסתים ולא געלתים, אין די תורה שטייט ולא תהיה עדת ה׳ כצאן אשר אין להם רועה, דארף עס דער אייבערשטער מקיים זיין, דער אייבערשטער וועט עס מקיים זיין, און דער אייבערשטער זאל עס מקיים זיין.

דער היינטיגער ש״ס איז דאך צענזורירט, אין די השמטות הש״ס איז געדרוקט פון דעם ערשטן ש״ס וואס איז נישט צענזורירט און אין די היינטיגע ש״ס'ן פעהלט דאס, האב איך געזעהן דארטן אין די השמטות הש״ס (סנהדרין קז:), רבי יהושע בן פרחיה האט מרחה געווען דעם אותו האיש, די מעשה איז געווען אז זיי זענען געקומען אין א אכסניא האט מען דארט זייער מכבד געווען רבי יהושע בן פרחיה, האט ער זיך אנגערופן, וואס פאר א פיינע מענטשן זענען אט די בעלי בתים וואס זיי האבן זיך אזוי אהין געגעבן פאר אונז, דער אותו האיש איז געווען זיין משמש, האט דער אותו האיש זיך אנגערופן צו רבי יהושע בן פרחיה אז די אויגן פון די בעלת הבית זענען טרוטות, פארוויינטע אויגן, האט זיך רבי יהושע בן פרחיה צו איהם אנגערופן רשע בכך אתה עוסק, צו קוקן אויף ווייבער וועלכע אויגן זיי האבן, האט ער גענומען ד׳ מאות שופרות און ער האט איהם אין חרם געלייגט, און נאכדעם איז ער געווארן דער אותו האיש רח״ל, זעהען מיר דא פארוואס האט ער איהם מרחה געווען, ווייל ער האט געקוקט און אינזינען געהאט צו די האט אזעלכע אויגן אדער אזעלכע אויגן, עכ״פ היינט האלט מען זומער, דאס פריצות איז גרויס, דאס חציפות איז גרויס, שמירת עינים איז א געוואלדיגער ענין.

**אזוי** ווי עס איז ידוע די מעשה פון רבי מתיא בן חרש, וואס ער האט זיך געלאזט אויסשטעכן די אויגן פארברענען די אויגן כדי ער זאל נישט נכשל ווערן בראיה, ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם, ליידער איז דא זייער אסאך וואס געבן זיך נישט אכטונג די אויגן, מען גייט אין גאס מיט אפענע אויגן, און מען קוקט וואו מען טארנישט, און אז מען קוקט טראכט מען, עין רואה ולב חומד וכלי מעשה גומרים, דאס איז איינס פון די שווערסטע זאכן און פון די גרעסטע נסיונות, מען זאל זיך אכטונג געבן נישט צו קוקן וואו מען טארנישט, און נישט טראכטן וואס מען טאר נישט, ווער שמועסט נאך מען זאל נישט טאן וואס מען טארנישט.

**אין** דער אמת'ן איז דאס שייך סיי זומער און סיי ווינטער, אבער זומער מער און בפרט היינט, און מען קען טאקע זעהן די רשעות פון די רשעים אפיקורסים וואס זיי פארלייגן זיך דא מיט די תועבות, נאר וועגן א קוק וואס דער אותו האיש האט געקוקט און האט זיך אנגערופן עיניה טרוטות, האט ער איהם מדחה געווען אינגאנצן און האט איהם אין חרם געלייגט, כל שכן דא וואס דאס איז נישט נאר א קוק מיט די אויגן, נאר רח"ל מיט דאס ערגסטע וואס איז נאר פארהאן, וואס זיי פארלייגן זיך אוועק צורייסן דאס אידישקייט, אויס צורייסן די קדושה, אויס צורייסן די טהרה פון אידישע קינדער, איך בין בטוח אז דער אייבערשטער וועט העלפן און זיי וועלן אויסגעריסן ווערן.

**דער** רמב"ם זאגט דאס לשון, וכן אני אומר בעשרה מישראל שזדו לעבור על איזה מצוה שתהיה, צו בשר בחלב, צו שעטנז, צו אנדערע זאכן, ואם עשו אותה ביד רמה יהרגו כולם, וכן הדין אצלי, זאגט דער רמב"ם, בכל עשרה מישראל וואס מען זעהט ביי זיי סתירת התורה, וואס זיי גלייבן נישט אז די תורה

איז אמת, יהרגו, אזוי זאגט דער רמב״ם, און דער רשב״א בריינגט עס אויך להלכה אין די תשובות, דא די רשעים די אפיקורסים ליידער נישט נאר איין מצוה נאר אסאך מצוות און די גאנצע תורה רח״ל, עפ״י הרמב״ם האב איך שוין געזאגט רח״ל איז יהרגו כולם, זיי האבן נישט קיין דין פון קיין אידן, אין אזא צייט אז מען נעמט זיך אהן פאר כבוד שמים רעש׳ט זיך אלע עולמות, און דאס איז א גרויסער נחת רוח פארן אייבערשטן, אין אזא צייט קוקט מען אין הימל ווי אזוי מען נעמט זיך אהן פאר כבוד שמים, עס איז קיין שום ספק נישט אז ווען אידישע קינדער לאזן איבער די שטיבער, פארשטייט זיך אז עס איז נישט קיין גרינגע זאך איבערצולאזן די שטיבער און איבערצולאזן די קינדער און גיין ברצון שלם אין תפיסה אריין צו זיצן, איז קיין שום ספק נישט אז אין אלע עולמות רעדט מען דערפון, עס איז קיין שום ספק נישט אז דאס איז א גרויסער נחת רוח פארן אייבערשטן, און אין דעם זכות וועט זיין אסאך גרויסע ישועות בלי שום ספק.

עכ״ז די שטיינער ווארפן האב איך שוין אסאך מאהל געזאגט אז דאס איז א מעשה רציחה, מיט איין שטיין קען מען הרג׳ענען א מענטש רח״ל, דער סאטמאר רב זי״ע האט מיר אליין געזאגט, דאס איז געווען בשעת די מחאות קעגן חברת אגד ווענן שבת, האט ער מיר געזאגט, זיי מיינען, ער האט דערמיט געמיינט די נטורי קרתא, זיי מיינען אז ירושלים איז זייערס, זיי ווייסן נישט, האט ער מיר געזאגט בזה הלשון, אז מיר זענען ביי זיי שבויים.

די משנה זאגט אף הוא ראה גולגולת אחת שצפה על פני המים, הלל האט געזעהן א גולגולת על פני המים, האט ער צו איהר געזאגט, על דאטפת אטפוך וסוף מטיפיך יטופון, ווייל דו האסט איינעם פארשווימט האט מען דיר פארשווימט, און די וואס האבן דיר פארשווימט די וועלן אויך פארשווימט ווערן, פרעגט דער

ברטנורא פארוואס קומט דאס זיי, איהם האט דאך געקומט צו הרג'ענען, פארוואס איז וסוף מטיפך יטופון, זאגט ער עס האט טאקע געקומט אבער דו ביסט נישט דער בעל הבית, יעדע זאך דארף זיין דורך בית דין דורך סנהדרין, אזוי אויך אויב מען ווארפט א שטיין אויף א פאליציי-אוטו, וואס ער איז, וואס פאר א שייגעץ ער איז, אבער נישט דו ביסט בעל הבית צו הרג'ענען יענעם, עס דארף זיין דורך א בית דין עס דארף זיין א סנהדרין.

די זעלבע וועלכע ווארפן די שטיינער אויף די פאליציי אויטא, און אין א שעה ארום וועלן קומען צו זיין שטוב רויבער'ס גזלנים וועט ער דאך אויך רופן די פאליציי, אין א שעה ארום וועט ער זעהן ווי א אראבער לייגט אראפ א פעקל ביי זיין טיהר און אנטלויפט וועט ער אויך רופן די פאליציי, דו דארפסט אנקומען צו זיי און דא גייסטע זיי ווארפן שטיינער אין קאפ אריין, מיר זענען שבויים און העלפן קען אונז נאר איין באשעפער, אבער צו גיין ווארפן שטייגער, רבי עמרם האט מיר כמ"פ אליין געזאגט אין כחנו אלא בפה, אונז האבן נאר א כח צו שרייען מיטן מויל אבער נישט צו טאן מעשה רציחה.

שוין אזוי פיהל יאהרן וואס מיר זענען אין גלות, שוין ניינצן הונדערט מיט אכצן יאהר וואס מיר זענען אין גלות, און שוין אכט און דרייסיג יאהר וואס מיר זענען אונטער אזא שלטון פון אפיקורסים און מינים, מיט אזעלכע שווערע נסיונות, ווען די מדינה איז געווארן האט מען גערעדט דעמאלס אז א פאר יאהר וועט מען נישט קענען איבער האלטן, מען האט נישט געקענט טראכטן אז מען וועט קענען, מען האט נאר געטראכט אז משיח וועט קומען פריער, דערווייל זענען מיר שוין אכט און דרייסיג יאהר אונטער אזא שלטון, און דער בוכ"ע האט רחמנות מען קען נאך גיין דאווענען, מען קען נאך האלטן שבת, מען קען זיך נאך מחזק

זיין, מען קען נאך גיין מיט קאפטענעס אין גאס, און מען לאזט אונז נאך לעבן, דארף מען אפגעבן שבח והודיה פארן אייבערשטן, נישט זיך נעמען רייצן מיט זיי, ווייל מיט דעם שטעלט מען איין דאס גאנצע אידישקייט, דער אייבערשטער זאל אפהיטן וואס זיי קענען אלץ טאן, דער אייבערשטער זאל אפהיטן זיי זאלן נישט טאן וואס זיי קענען טאן.

**שבועות** איז דאך א זמן פון די גאולה שלימה, בשבועות יפקון מן גלותא, עבר קציר כלה קיץ ואנחנו לא נושענו טייטש׳ן די ספרים, עבר קציר דאס איז שבועות וואס דאס איז דער זמן הקציר, ואנחנו לא נושענו, און מיר זענען נאך נישט געהאלפן געווארן, מען קוקט אויס, דער גאנצער כלל ישראל ווארט, און מען ווארט און מען ווארט אפשר איצט, אפשר דער פסח, אפשר דער שבועות, דער בני יששכר ברייגנט אויף תשעה באב וואס דער טאג איז אזוי שטארק פארשעמט געווארן, דער טאג מוז מען געהאלפן ווערן, יעדער זמן וואס איז א שטיקל זמן און א עת רצון האפט מען און מען ווארט אפשר דער זמן וועט דאס זיין, ליידער עס גייט אדורך נאך א זמן און נאך א זמן און ליידער מען זעהט גארנישט, נאר וואס דען, סוף כל סוף אידישע קינדער מוזן דאך געהאלפן ווערן, דער בוכ״ע האט דאך צוגעזאגט, די הבטחה פון אייבערשטן מוז מקויים ווערן און עס וועט מקויים ווערן, האפן מיר אז דער אייבערשטער וועט אונז נישט פארלאזן און דער אייבערשטער וועט אונז ארויסנעמען פון דעם ביטערן גלות, ווי גוט וועט זיין און ווי לעכטיג וועט זיין פאר די וועלכע האבן עומד געווען אין די נסיונות, און זיי האבן זיך אהין געגעבן פארן אייבערשטן, הן ביים דאווענען, הן ביים לערנען, און ביי צדקה, און מצוות און מעשים טובים, מען האט זיך נישט נאכגעלאזט און מען האט זיך נישט פארדרייט מיט דעות כוזבות, דעמאלס וועט זייער

באנק טאן, ונקוטותם בפניכם על עוונותיכם, מען וועט מיט זיך אליין קריגן וואס האט דאס מיר געטויגט די עבירה יענע עבירה, מען וועט זיך רייסן שטיקער פון זיך, איצט קען מען נאך ארייננכאפן, איצט קען מען נאך אסאך אויפטאן, יעדער דאווענען איז א געוואלדיגער ענין, יעדע שורה גמרא וואס מען לערנט איז א געוואלדיגער ענין, זאל דער אייבערשטער מעורר זיין רחמים וחסדים אויף אונז, און אויפן גאנצן כלל ישראל, און מיר זאלן שוין זוכה זיין במהרה עס זאל נתגלה ווערן כבוד שמים, און מיר זאלן זוכה זיין צו ביאת משיח צדקנו בב"א.

## קיבוץ אור לג' סיון תשמ"ט

**ועתה** אם שמוע תשמעו בקולי ושמרתם את בריתי והייתם לי סגולה מכל העמים כי לי כל הארץ. אלע מפרשים שטעלן זיך שוין וואס איז דא דער נתינת טעם כי לי כל הארץ, אדרבה, כי לי כל הארץ דארפן דאך אלע זיין גלייך. דער בני יששכר פרעגט דאס, און רש"י שטעלט זיך אויף דעם כי לי כל הארץ. איך האב שוין געזאגט אמאל פשט, כי לי כל הארץ, די תורה זאגט והייתם לי סגולה מכל העמים, ווען וועט דאס מקוים ווערן דער והייתם לי סגולה מכל העמים, ווען משיח וועט קומען. פאר דעם ליידער זעהען מיר דאס נישט. זאגט די תורה הק', ווען וועט דאס זיין דער והייתם לי סגולה מכל העמים, ווען כי לי כל הארץ, ווען עס וועט נתגלה ווערן מלכות שמים, ווען עס וועט זיין כי לה' המלוכה ומושל בגוים, דעמאלס וועט מקוים ווערן דער והייתם לי סגולה מכל העמים, דערווייל איז דאס ליידער פארקעהרט.

**נאך** איז מרמז כי לי כל הארץ, והייתם לי סגולה מכל העמים, א גוי ווען ער מהוט עפעס, זאגט שוין די גמרא דארטן